## תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

# נאכגיין זיינע וועגן

## פרשת בשלח

## חלק א. באשיינען דעם באשעפער

### די ניסים ביים אויסלייזונג

ווען אונזערע אור-עלטערן זענען געשטאנען ביים ברעג פונעם ים סוף, קוקנדיג אויף צוריק צו זייערע פיינט וואס דערנענטערן זיך צו זיי, זענען זיי געווען אנגעפילט מיט שרעק. ווייל עס איז נישט געווען סתם א פיינט - די מצריים האבן געזידט פון אויפרעגונג. זיי זענען געווארן זייער דערניידערט דורך די אידן; זיי האבן געליטן פון צען מכות איינע נאך די צווייטע און דאן צוגעזען הילפסלאז די אידן'ס זיגרייכע אנטלויפונג, מיטנעמענדיג דאס גאנצע פארמעגן פון מצרים.

אצינד זענען די מצריים געווען אנטשלאסן, נישט נאר צוריקצובאקומען זייער אייגנטום נאר אויך צו נעמען נקמה. זיי זענען געווען באוואפנט ביז די ציין און עס איז נישט געווען קיין ארט פאר דאס אידישע פאלק וואו צו אנטלויפן - פארנט פון זיי איז געווען דער טיפער ים און הינטער זיי איז געווען א בייזוויליגע ארמיי פון פרעה מיט "זעקס הונדערט אויסדערוועלטע מיליטער רייטער און אלע רייטער פון מצרים" (בשלח יד:ז), אונטער דער פירערשאפט פון די בעסטע גענעראלן (שם. טו:ד). און דערפאר, **וַיִּירְאוּ מְאֹד** - האבן זיי זייער מורא געהאט (שם. יד:י).

יעדער ווייסט וואס עס האט נאכדעם פאסירט - דאס אידישע פאלק האט געשריגן צום באשעפער און דער יד חזקה פון באשעפער האט געשפאלטן דעם ים סוף אין צוויי און זיי זענען אדורכגעגאנגען בשלום. בשעת זייערע פיינט זענען זיי נאכגעלאפן אינעם ים, האבן די וואסערן צוריק אראפגעטראסקעט און זיי דערטרונקען. **יָרְדוּ בִמְצוֹלֹת כְּמוֹ אָבֶן**, דער פיינט איז איינגעזונקען ווי א שטיין אין די טיפענישן פון ים און זיי זענען גענצליך פארטיליגט געווארן (שם. טו:ה).

### א שבועה

אלזא, ווען אונזערע אור-עלטערן זענען געשטאנען ביים צווייטן זייט פונעם ים סוף און צוגעזען דעם אומגלויבליכן ספעקטעקאל, האט זיי ארומגענומען אן אויסערגעווענליכע שמחה. זיי זענען ווי עלעקטריזירט געווארן פון וואס עס האט זיך אפגעשפילט, זיי זענען געווען אויפגעהייטערט פונעם אויסערגעווענליכן איבערלעבעניש פון ווערן ארויסגעריסן פון די שאטן פון טויט דורך דער האנט פון באשעפער. און אין זייער דאנקבארקייט זענען זיי אויפגעשטאנען אינאיינעם און געזונגען שירה צום באשעפער.

דאס אליין איז געווען א גוואלדיגע דערגרייכונג, נישט קיין ספק אין דעם, צו זינגען צום באשעפער אויף דאס וואס ער טוט פאר דיר, דאס איז שוין א גוואלדיגע שלימות.

און דאך פארשטייען מיר אז עס איז זיכער געווען עפעס וואס כלל ישראל האט זיך אונטערגענומען אין יענעם טאג. ווען עס פאסירט עפעס א גרויסע זאך, ווען עס שפילט זיך אפ א גוואלדיגע ישועה, מאכן מענטשן נדרים און זיי זאגן צו, צו פראבירן צו באצאלן פאר'ן באשעפער אויף דעם גוואלדיגן חסד וואס ער האט געטון מיט זיי. ווי עס שטייט אין תהלים (קטז:יג-יד), ווען עס איז **כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא**, ווען דו הייבסט אויף דעם כוס פון ישועות, דאן **נְדָרַי לַה' אֲשַׁלֵּם**, וועל איך באצאלן מיינע נדרים צום באשעפער.

און דערפאר, איז כדאי צו פרעגן, וואספארא נדר האט דאס אידישע פאלק גענומען אויף זיך בשעת זיי זענען געשטאנען ביים ברעג פונעם ים סוף?

### דער אייביגער נדר

אלזא, ווען מיר לערנען אדורך די שירה וואס זיי האבן געזונגען צום באשעפער אין יענעם טאג, זעען מיר אז עס ענטהאלט פיל נקודות, פיל לערעס און מוסר השכל'ס וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען; אבער דורכאויס די גאנצע שירת הים זעען מיר בלויז איין התחייבות וואס זיי האבן גענומען אויף זיך צו באצאלן פאר די גוואלדיגע ישועה, בלויז איין הבטחה וואס זיי האבן אינאיינעם געמאכט.

אין יענער צייט האבן זיי גענומען אויף זיך א נדר און זיי האב געשוואוירן צום באשעפער אזוי: **זֶה קֵלִי** - "דאס איז מיין באשעפער," האבן זיי געזאגט, **וְאַנְוֵהוּ** - "און איך וועל אים באשיינען." **נָוֶה** מיינט הערליך און **וְאַנְוֵהוּ** מיינט, 'איך וועל אים מאכן הערליך.'

איז אלזא כלל ישראל געשטאנען ביים ברעג ים און געזאגט, "באשעפער, מיר זענען אזוי דאנקבאר צו דיר, אז מיר מאכן אצינד אן אייביגער צוזאג צו דיר. פון היינט אן, וועלן מיר דיך גרויסן; מיר וועלן דיך פארהערליכן דורכאויס אונזער גאנצע לעבן."

### א היסטארישע מיסיע

דאס איז וואס דאס אידישע פאלק האט אויסגעוועלט אלס איר פליכט אין דעם טאג וואס זיי זענען געראטעוועט געווארן פון דערטרונקען ווערן אין ים - זיי האבן געווידמעט זייערע לעבנס און די לעבנס פון זייערע קינדער אויף אייביג און אייביג צו דעם איינעם גוואלדיגן תפקיד, דער גרויסער פליכט פון **גַּדְּלוּ לַה' אִתִּי** - "לאמיר גרויס מאכן דעם באשעפער אויף דער וועלט." און אויב דאס איז די איינע זאך וואס זיי האבן אויסגעוועלט, פארשטייען מיר אז ס'איז גאנץ א גרויסער ענין.

אלזא, דער פשוט'ער באדייט איז אודאי אז, "מיר וועלן פארברענגען אלע אונזערע יארן מיט רעדן איבער די גרויסקייט פון באשעפער." און אזוי ווייסט איר אצינד איינע פון די וויכטיגסטע פליכטן אויף דער וועלט - מיר דארפן לויבן דעם באשעפער. מיר דארפן אלעמאל טראכטן און אלעמאל רעדן פון באשעפער צו זיך אליין און צו יעדן איינעם. דאס איז וואס דער צוזאג איז געווען: **זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ**!

### צווישן די פעלקער

אלס אידן וועלן מיר לאזן די וועלט וויסן ווי גרויס אונזער באשעפער איז! **הַלְלוּ אֶת ה' כָּל גּוֹיִם** - מיר רעדן צו די וועלט און מיר זאגן זיי. מיר זענען ערווארטעט ארויסצוגיין עס צו דערציילן פאר אלע פעלקער. מיר זאגן עס יעדן טאג: **הוֹדוּ לַה' קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילֹתָיו**. **הוֹדוּ** מיינט, דערהייבן. **הוֹדוּ לַה'** מיינט, צו מאכן גרויס דעם באשעפער. "רוף אויס, פראקלאמיר אין זיין נאמען; רעד אין נאמען פון באשעפער און מאך באוואוסט צווישן מענטשן זיינע מעשים."

און אונזערע אור-עלטערן זענען געווען שטאלץ מיט זייער מיסיע און

זיי האבן עס אויסגעפירט. דאס איז פארוואס אין די אמאליגע צייטן האבן אידן גערעדט צו גוים. נישט ווייל זיי האבן זיי געוואלט מאכן פאר גרים. עס איז נישטא קיין מצוה מגייר צו זיין גוים, אויסער אויב זיי קומען בעטן דערפאר, אבער עס איז זיכער יא א מצוה צו לאזן די וועלט וויסן דעם אמת. און דערפאר, דאס איז וואס זיי האבן געטון אין די אלטע צייטן. און עס זענען געווען רעזולטאטן - עס זענען געווען מערקווירדיגע רעזולטאטן.

ווען מיר זעען אז שלמה המלך האט געהאט 1000 ווייבער - פרינצעסנס פון איבער דעם גאנצן מיטל מזרח זייט וועלט - דארפט איר פארשטיין אז דאס איז געווען א באוויז, אן אנערקענונג דורך אלע קעניגן, אז שלמה'ס רייד האבן געהאט א השפעה אויף זיי. און זיי זענען געווען פרייליך אז זייערע טעכטער האבן חתונה מיט אים, כאטש דאס האט געמיינט אז זיי זענען בלויז איינע פון 1000 ווייבער. דאס איז געווען ווייל שלמה האט פארשפרייט דאס ווארט. ער האט מקיים געווען די הבטחה וואס איז געזאגט געווארן ביים ים סוף, פון **זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ**.

## דער קייסער און די קייסערין

אויך פיל שפעטער - אין די צייטן פון חורבן בית שני, דארפט איר וויסן, זענען די פירונגען פון יהדות, פון אידישקייט, געווען פארשפרייט צווישן די פעלקער. ס'איז מערקווירדיג וויפיל מענטשן צווישן די גוים זענען געווען סימפאטיש צו פיל אידישע מצוות און האבן עס געהיטן. פופיאה, די ווייב פון נירון קייסער, איז געווען זייער א פרומע פרוי. זי האט געהיטן אידישקייט. זי האט נישט געקענט ווערן א גיורת ווייל עס איז געווען פאר איר א געפאר, זי וואלט גע'הרג'ט געווארען אין רוים, אבער ס'איז ברייט באוואוסט אז פופיאה, די קייסער'ס ווייב, האט געהיטן אידישקייט.

און שפעטער ווען נירון איז פארשוואונדן געווארן, האט ער זיך אויך באהאפטן צו דאס אידישע פאלק. די גוים זאגן אז ער איז גע'הרג'ט געווארן, אבער איך האב שוין אמאל דערציילט אז איך האב געזען אין אן ענציקלאפעדיע אז עס שטייט דארט אז כאטש וואס נירון איז גע'הרג'ט געווארן אבער דאך, נאך זיין טויט, זענען נאך געווען נאכאנאנדע באריכטן אז ער איז געזען געווארן אין פארשידענע טיילן פון איטאליע. און אונזערע חכמים דערציילן אונז די אמת'ע מעשה. די חז"ל זאגן אונז (גיטין נו.) אז ער איז אנטלאפן און איז געווארן א גר. אודאי, ער האט עס געטון כיטריש - אויב וואלטן די גוים געוואוסט אז ער לעבט וואלטן זיי אים אויפגעזוכט און אים גע'הרג'ט. די רוימער וואלטן דאס נישט אדורכגעלאזט.

## אידישע פירונגען צווישן גוים

מיר וויסן אויך אז לענגאויס דעם גאנצן מיטל-מזרח האבן זייער פיל מענטשן פראקטיצירט יהדות, אן צו ווערן גרים. אין איינע פון די ביכער וואס וויגריל - א פארצייטישער שרייבער, א באוואוסטער פאעטיקער - האט געשריבן, שטייט דארט אז ער האט גערעדט צו א חשוב'ער רוימער וואס ער האט געוואלט שמועסן מיט אים און דער רוימער האט אים געזאגט, "נישט היינט. ס'איז דער 33סטער שבת."

למעשה, ס'איז דא בלויז איין שבת, דער אידישער שבת. דער רוימישער אריסטאקראט האט געזאגט פאר וויגריל אז ער וויל נישט רעדן פון קיין געשעפטן ווייל ס'איז שבת.

למעשה די 'מפרשים' אויף וויגריל פארבירן צו ערקלערן וואס דאס מיינט "דער 33סטער שבת." טייל זאגן אז עס מיינט יום כיפור, אבער סיי וואס עס זאל זיין, איז עס מערקווירדיג. א חשוב'ער רוימישער פערזענליכקייט האט געזאגט, "איך קען נישט רעדן מיט דיר היינט, ס'איז שבת."

## אנערקענט אין באשעפער

אידישע ביזנעסלייט, ווען זיי זענען געקומען צו דער מלוכה פון חַדְיֵב (אין אשור), האבן זיי גערעדט פון באשעפער. חַדְיֵב איז א לאנד אין מיטל-מזרח וואס איז אויך גערופן געווארן אדיאבן (Adiabene) אידן זענען געפארן אהין פאר ביזנעס אבער זיי האבן שטענדיג אינזין געהאט דעם ביזנעס פון **זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ**. מיר וויסן אז זיי האבן גערעדט צום קעניג און זיי האבן גערעדט צו דער קעניגן, און זיי האבן געמאכט גרים פון זיי.

זוטוס, דער קעניג פון חַדְיֵב, איז געווארן א גר; ער האט איבערגעלאזט די רעליגיע פון זיינע אייגענע לאנדסלייט. און הילני המלכה, זיין קעניגן, איז געווארן א גיורת, זייער א פרומע גיורת. די חז"ל דערציילן אונז (נזיר יט:) אז זי האט זיך אונטערגענומען צו זיין א נזיר פאר זיבן יאר. זיבן יאר! און פאר זיבן יאר האט זי איינגעהאלטן איר נזירות!

דערנאך איז זי געקומען קיין ירושלים צו ברענגען אירע קרבנות און די חכמים האבן איר געזאגט אז א נזיר טאר זיך נישט געפינען אין חוץ לארץ. חוץ לארץ איז ווי א בית הקברות, עס איז מטמא בטומאת מת. די חז"ל האבן איר געזאגט אז זי דארף פארבלייבן אין ירושלים און אנהייבן פון אנהייב. און דאס איז וואס זי האט געטון!

## דער קעניג פון די כוזרים

אין די צייטן פון דער פריער מיטל-אלטער תקופה, איז געווען א לאנד וואס איז גערופן געווארן כוזר. די כוזרים זענען געווען א קריגערישע פאלק, טאטארן, אין מזרח אייראפע, און אידישע ביזנעסלייט זענען אדורכגעפארן דאס לאנד פון די כוזרים און זיי האבן גערעדט צום קעניג און ער איז געווארן א גר. א מערקווירדיגע מעשה. א גוט-באוואוסטער פאקט. דער מלך פון די כוזרים איז געווען א גר.

למעשה, אזא זאך - הונדערטער יארן פון גוים, הויכגעשעצטע גוים, זוכן דעם באשעפער - קען בלויז זיין צוליב דעם וואס אונזערע אור-עלטערן האבן זיך נישט געהאלטן שטיל. זיי האבן זיך נישט געקענט האלטן שטיל ווייל זיי האבן געגעבן א הבטחה, "מיר וועלן דיר גרויסן; מיר וועלן רעדן איבער דיין גרויסקייט וואו אימער מיר גייען."

און אזוי, סיי וואו זיי זענען געגאנגען, האבן זיי מיטגעטראגן אין דער הייך מיט שטאלץ דעם פאן פון יהדות. זיי האבן גערעדט איבער דעם באשעפער'ס גרויסקייט און אים פארהערליכט אין די אויגן פון יעדן.

## מאך גרויס דעם באשעפער ביי דיר

אודאי, היינט מוזן מיר זיך באגרעניצן; אין יענע טעג זענען די פעלקער געווען די איינציגסטע וואס האבן עס געדארפט הערן אבער היינט זענען דא גענוג אידן וואס זענען טויב און שטום און דערפאר קענען מיר זיך נישט ערלויבן צו פארפאטשקען אונזער צייט צו גיין קיין אפריקע אדער נארוועגן. מיר דארפן רעדן צו די אידן וואס געפינען זיך דא אין פלעטבוש - אויך אין ארץ ישראל זענען דא אסאך אידן צו וועמען מ'דארף רעדן.

און דער אמת איז, אז איידער דו רעדסט צו די אידן דא אין פלעטבוש, דארפסטו רעדן צו דעם איינעם איד וואס איז דאס וויכטיגסטע פאר דיר - און דאס איז דו אליין. דו זאלסט זיך שטענדיג דערמאנען אין דעם באשעפער'ס גרויסקייט.

דאס איז פארוואס מיר דאווענען אזויפיל. נעבן מיין ערשטע שול האט געוואוינט א גוי'שער שכן, אן אלטער מענטש, גלייך דערנעבן. איין נאכמיטאג זענען מיר אריין אין שול צו דאווענען מנחה, האב איך אים

געהערט זאגן צו זיין טאכטער, "וואס איז דאס מיט די אידן?! א גאנצן טאג, אהין און צוריק, אהין און צוריק, צו דער שול. צי ענדיגן זיי אמאל דאווענען?"

דער ענטפער איז, ניין, מיר ענדיגן קיינמאל נישט צו דאווענען. ווען מיר דאווענען, רעדן מיר צו זיך אליין. מיר זענען פארנומען צו לויבן דעם באשעפער - אזוי אז מיר קענען עס הערן!

## כאפ נישט אפ קיין ברכות

דאס איז פארוואס פסוקי דזמרה איז אזוי וויכטיג - איר רעדט צו זיך אליין! איר ווייסט, אמאל קומט א ישיבה בחור שפעט צום דאווענען אינדערפרי, ממש פאר ברכו, און ער פילט זיך גוט; ער כאפט אריין א ברכו. ער פילט ווי ער האט היינט עפעס אויפגעטון.

אה ניין! דו דערלייגסט די פסוקי דזמרה! די אלע הללוקה'ס! דו דערלייגסט דעם געוואלדיגן פליכט פון **וְאַנְוֵהוּ** - "און איך וועל דיר פאראהערליכן." ס'איז נישט בלויז א פאלק'ס פליכט; ס'איז א שבועה וואס פארפליכטעט יעדן פערזענליך. "איך וועל פאראהערליכן דעם באשעפער דורך רעדן פון זיין גרויסקייט," - דאס איז דער פשוט'ער באדייט און דאס איז דער תפקיד פון יעדן איינציגסטן איד; יעדער מאן און פרוי, יעדער אינגל און מיידל דארף זיין פארנומען צו מקיים זיין דעם נדר וואס מיר האבן גענומען אויף זיך אין דעם גרויסן טאג, פון לויבן דעם באשעפער ווי ווייט מעגליך.

דאס איז די וויכטיגקייט פון די פסוקי דזמרה. איר זאלט קומען אין צייט - אין געוויסע שולן דארף מען קומען פרי - אבער נישט קיין חילוק; אויב ווילט איר מקיים זיין דעם נדר וואס מיר האבן געמאכט אין יענעם טאג, זאלט איר קומען פרי, און זאגן יעדעס ווארט מיט געשמאק; געניס פון די האניג פון יעדן ווארט פון לויבן דעם באשעפער. ווייל דאס איז אונזער פליכט. דאס איז וואס מיר האבן צוגעזאגט ביי קריעת ים סוף: **זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ** - איך וועל אים פאראהערליכן!"

# חלק ב. גיין אין זיינע וועגן

## די הערליכקייט ארום אונז

אלזא, עס זענען דא פיל וועגן ווי אזוי מיר ערפילן דעם צוזאג, ס'איז נישט דא בלויז איין וועג, און אלע פון זיי זענען ריכטיג. אויף דעם פסוק **זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ** זאגן אונז חז"ל: **הִתְנָאֶה לְפָנָיו בְּמִצְוֹת**, באשיין זיינע מצוות. דאס מיינט, אז סיי וואס עס געהערט צום באשעפער און זיין תורה וועלן מיר ארויסגיין פון אונזער וועג עס צו מאכן ווי שיין עס איז נאר מעגליך.

אלע מצוות זענען פאר אונז הערליך. מיר מאכן זיכער צו זען די גאנצע שיינקייט אין תורה'דיגע זאכן. מיר האבן ליב אלע ענינים פון אידישקייט. אלעס וואס איז פארבונדן מיט אונזער פאלק; אודאי מיינט עס די תורה פון אונזער פאלק און די תורה'דיגע הנהגות, אלעס וואס איז פארבונדן מיט עבודת ה' איז הערליך.

דאס איז פארוואס איינע פון די טייערסטע זאכן ביי אונז איז א מזוזה - טייערער ווי דער טייערסטער צירונג. תפילין, ציצית - דאס איז די שיינקייט פון דאס אידישע פאלק. מיר זענען שטאלץ צו באווייזן און פארשטעלן די אלע צייכנס וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן אז מיר זענען זיין פאלק.

## באשיינען די מצוות

אודאי, לעבנדיג צווישן גוים, פארלירן פיל אידן זייער ריכטיגן בליק. אפילו די פרומע שעמען זיך מיט אידישע הנהגות און געוואוינהייטן.

און דערפאר איז וויכטיג צו געדענקען אין אלע צייטן, צו באנייען צוריק די דאזיגע שבועה וואס מיר האבן דארט געמאכט, אז אלעס וואס איז אידיש איז הערליך! אודאי, אויב ס'איז נישט דעם באשעפער'ס, איז עס נישט אידיש. עס קען זיין העברעאיש. עס קען זיין אין מדינת ישראל, אבער אויב ס'איז נישט דעם באשעפער'ס, אויב ס'איז נישט תורה, איז עס נישט שיין. אבער סיי וואס עס געהער צום באשעפער, זיינע מצוות, זיין תורה און זיינע וועגן, זענען הערליך.

און מיר גייען ארויס פון אונזער וועג זיי צו מאכן שיין כדי צו באשיינען דעם באשעפער, אים צו גרויסן. ווייל מיר זאגן, אז אויב ער האט עס באפוילן, איז דאס וואס מאכט אויס די מערסטע. און דערפאר פראבירן מיר צו קויפן שענערע מזוזות. מיר פראבירן צו באשיינען דעם שבת דורך דעקן א הערליכן טיש. מיר פראבירן צו באשיינען די מצוות פון תפילין, פון לולב, פון סוכה. די אלע מצוות פראבירן מיר צו באשיינען אלס כבוד פאר'ן באשעפער. **לולב נאה** - ווען סוכות קומט, זאלט איר זיך איינהאנדלען א הערליכן לולב. **ציצית נאה**, דיינע ציצית זאלן זיין הערליך.

איז אויב דו קויפסט אן אתרוג, זאלסטו נישט נאר אויסגעבן געלט פאר א כשר'ע, נאר באצאל אביסל מער פאר א הערליכע, און אויב דו קענסט, לייג עס אריין אין א שיינעם האלטער, אזוי אז ווען דו מארשירסט דורך די גאסן צום שול זאלן מענטשן שעצן דעם הערליכן האלטער און זיי וועלן זען אז דו האסט באמת ליב די מצוות, וואס דאס מיינט אז דו האסט ליב דעם באשעפער. דו פראבירסט אים צו גרויסן, אים צו באשיינען.

## איך און ער

סיי וואס דו ניצט פאר א מצוה צו דינען דעם באשעפער, זאל עס זיין הערליך. דאס איז זיכער א גוטער מהלך. אודאי איז דאס א וועג אים צו באשיינען. ס'איז ריכטיג און ס'איז אריינגערעכנט אין דער שבועה וואס אונזערע עלטערן האבן געמאכט.

אבער מיר גייען אצינד זען אן אנדערע ערקלערונג איבער דער שבועה וואס מיר האבן גענומען אויף זיך צו באשיינען דעם נאמען פון באשעפער - מיר וועלן הערן פון דעם אמורא אבא שאול, וואס איז געווען אן אויסגערופענער מפרש אין די רייד פון די תורה. אין מסכת שבת (קלג:) קומט ער און געבט אן אנדערן דערהער צו די ווערטער.

אבא שאול אומר - אבא שאול זאגט, וואס מיינט 'וְאַנְוֵהוּ'? צענעמט ער דאס ווארט און ער זאגט, **וְאַנְוֵהוּ** קען מען ליינען אזוי: **אֲנִי וָהוּא** - "איך און ער." דאס מיינט, "איך וועל זיין ווי אים." דאס איז א דרש אינעם ווארט; **אַנְוֵהוּ** - איך וועל אים באשיינען, דורכדעם וואס "איך וועל זיין אזוי ווי דעם באשעפער".

## א נייער בליק אין דרש

אלזא, לאמיר דאס ערקלערן. ווייל מערסטנס מענטשן, ווען זיי לערנען די גמרא, לערנען זיי אפ אז דאס איז נישט דער פשוט'ער פשט. עס זעט אויס ווי דער פשט זאגט איין זאך, אז מען דארף באשיינען דעם באשעפער און דא קומט א דרש און זאגט, **אֲנִי וָהוּא**, זיי אזוי ווי ער.

דאס הייסט, מיר נייגן אוועק פון דעם פשט פון "איך וועל אים באשיינען; איך וועל אים פאראהערליכן," און אצינד זאגן מיר עפעס אנדערש - "איך וועל אים נאכמאכן; איך וועל נאכגיין זיינע וועגן און זיך באהעפטן צו

זיינע מידות.״

אבער מיר מוזן וויסן אן אלגעמיינער כלל איבער די רייד פון חז״ל, אז אין מערסטנס פעלער איז זייער דרש אייגנטליך דער עומק הפשט, ס׳איז דער טיפער פשט. אויב טוט מען אנאליזירן דעם פשוט׳ן מיינונג אביסל טיפער, וועט מען זען אז עס ענטהאלט דאס וואס די חכמים זאגן אונז. אבא שאול טוט נישט באזייטיגן דעם אמת׳ן פשט, ער איז זיך נישט סותר מיט׳ן ערשטן באדייט, ער געבט אן ארייבליק, א טיפערן ארייבליק אינעם אריגינעלן באדייט.

## דער זעלבער נאמען

אלזא וועלן מיר ערקלערן דעם ענין ווי פאלגנד: ס׳איז א פאקט פונעם מענטשליכן נאטור אז ווען מען קוקט ארויף אויף איינעם, ווען מ׳שעצט איינעם, פראבירט מען נאכצומאכן דעם מענטש. צי זעען מיר דען נישט אינעם געזעלשאפט טאג טעגליך אז די ארעמע פראבירן נאכצומאכן די רייכע? זיי טוען וואס זיי קענען צו אויסזען ווי די וועלכע זיי שעצן.

דאס איז פארוואס פופציג יאר צוריק האבן פיל אידישע מיידלעך אין אמעריקע געטראגן דעם נאמען ׳שירלי׳. אין יענער צייט איז געווען א גרויסע שפילערין וואס האט געהייסן שירלי - כ׳וויל נישט זאגן איר לעצטער נאמען; ס׳איז צופיל כבוד פאר איר - און דערפאר, זענען פרויען איבערן גאנצן לאנד אהיימגעקומען פון טעאטער און געזאגט פאר זייערע מענער אז ווען זיי האבן א מיידל בעיבי ווילן זיי נעמען אויף זיך דעם גרויסן כבוד פון געבן פאר זייער טאכטער דעם נאמען פון דעם שפילערין. מען איז געגאנגען אין גאס און אלץ געהערט, ״שירלי,״ ״שירלי,״ ״שירלי.״

עס איז געווען א שפילער מיט׳ן נאמען גערי, און דאן איז א גאנצער דור פון אידישע אינגלעך געווארן ׳גערי׳. דערנאך איז געקומען א שפילער מיט׳ן נאמען ׳בערי,׳ און א גאנצער דור פון אידישע אינגלעך איז געווארן ׳בערי׳.

למעשה, להבדיל, מענטשן וואס זענען נישט אזוי נאריש, אויב איז מען נישט א נארישער אמעריקאנער, דאן מאכט מען נאך בעסערע מענטשן. אבער דאס איז דער נאטור פון א מענטש; ער וועט נאכמאכן וועמען ער שעצט.

## א רבי׳שער לבוש

איר ווייסט, אלע ליובאוויטשער טראגן הוטן מיט׳ן ברים געבויגן אויף אראפ. פארוואס? ווייל דער רבי האט א ברים געבויגן אויף אראפ. זייער רבי טראגט א הוט מיט׳ן ברים געבויגן אויף אראפ אין פארנט, דערפאר גייען אלע חסידים מיט דעם זעלבן סארט הוט.

נישט נאר ליובאוויטש. אלע חסידים פראבירן אויסצוזען ווי זייער רבי; איבעראל. דאס איז פארוואס ווען עס האט זיך אנגעהויבן די באוועגונג פון חסידות, האבן אלע חסידים, אויסגעזען ווי זייערע רבי׳ס ווען זיי האבן זיך אנגעטון די בגדי שבת . דאס איז נישט בלויז אן ענין פון זיך מאכן ווי מ׳איז דאס וואס מען איז נישט. זיי האבן ארויפגעקוקט אויף זייער רבי. ס׳איז א קאמפלימענט פאר זייער רבי. אויב האט מען ליב דעם רבי׳ן, ווייל מען אויסזען ווי אים.

דאס איז איינע פון די געוואלדיגע זאכן וואס מ׳זעט ביי חסידים. יעדער חסיד פראבירט אויסצוזען ווי א תלמיד חכם און א רבי. פארוואס? ווייל דאס איז זיין שטרעבונג. ער קוקט ארויף אויף זיי.

## דער גרעסטער קאמפלימענט

אט איז א מענטש, א טראק דרייווער. איך האב עס נעכטן געזען - ער פירט א גרויסער מהדרין טראק און ער קומט ארויס און ער זעט אויס ווי א חסיד׳ישער רבי. מ׳זעט דאס א גאנצע צייט! וואס מיינט דאס? א רבי פירט א טראק?! עס איז נישט קיין רבי וואס איז א טראק דרייווער. ס׳איז א טראק דרייווער וואס פראבירט צו זיין א רבי ווייל דאס איז זיין מאדעל, דאס איז אויף וועמען ער קוקט ארויף.

און דאס איז דער גרעסטער קאמפלימענט וואס מ׳קען איינעם געבן. אויב ווילסטו טרעפן איינעם וואס מאכט דיר נאך; ער טוט זיך אן ווי דו און פירט זיך אזוי ווי דו, מוזטו אנערקענען אז דאס איז זייער א גרויסער קאמפלימענט. דער פאקט אז איינער באטראכט דיינע וועגן אלס ווערד צו ווערן נאכגעטון איז עס א באווייז אז ער שעצט דיר. אין פאקט, דאס איז דער גרעסטער קאמפלימענט וואס מ׳קען איינעם געבן. ווען מענטשן מאכן דיר נאך, איז עס ווייל זיי שעצן דיר.

## זיין ווי אים

און דאס איז וואס דער אמורא אבא שאול קומט אונז לערנען, ״דו ווילסט גרויס מאכן דעם באשעפער? דו ווילסט מקיים זיין די הבטחה פון ׳**וְאַנְוֵהוּ**׳, פון באשיינען דעם באשעפער? דער בעסטער וועג איז דורך ׳**אֲנִי וָהוּא**׳! ׳איך און ער׳! איך גיי זיין אזוי ווי ער.

דאס, זאגט דער אמורא אבא שאול, איז דער פשוט׳ער פשט פון **וְאַנְוֵהוּ**. עס מיינט נאך אלץ ״איך גיי אים באשיינען.״ אבער ווי אזוי וועל איך עס טון? ווי אזוי וועל איך אים פארהערליכן? **אֲנִי וָהוּא**, איך וועל פראבירן צו זיין ווי אים. דורך פראבירן צו זיין אזוי ווי דעם באשעפער, דורך נאכמאכן זיינע מידות וואס שטייען אין די תורה אויפ׳ן באשעפער, וועל איך פראבירן אים נאכצוטון.

## שעצונג צו נידריגע עבודה זרה׳ס

און דאס אידישע פאלק האט דאס געטון! יוסיפון זאגט עדות אויף דעם. יוסיפון, זאלט איר וויסן, איז נישט געווען קיין דרשן - ער איז אויך נישט געווען קיין זייער פרומער איד - אבער ער האט געהאט דעם פארשטאנד דאס צו פארשטיין. ״מיר האבן א באשעפער וואס איז שלימות,״ שרייבט ער, ״און דערפאר טוט אונזער פאלק נאכגיין זיינע מידות.״

ער רעדט דארט איבער די פעלקער פון די וועלט און ער זאגט, ״די אפגעטער פון די פעלקער האבן אלע חסרונות און די דינערס האבן אדאפטירט די דאזיגע חסרונות.״ ער האט געקענט די אפגעטער פון רוים און יוון און זיי זענען געווען איינגעטונקען אין יעדן סארט פארדארבנקייט און דאס איז נאכגעמאכט געווארן דורך זייערע דינער.

די מצריים האבן געדינט צו דער בעבאָן (גרויסע מאלפעס), האט ער געזאגט, און אזוי האבן אלע מענטשן אין מצרים נאכגעמאכט דעם בעבאן. א בעבאן טאנצט ארויף און אראפ אין א שטייג און די מענטשן קומען און בוקן זיך; מיט די צייט האבן זיי אנגעהויבן זיך צו פירן ווי די בעבאנס.

זיי האבן אויך געדינט צום שלאנג (**סערפענט**) - זיי האבן אים געשעצט, און אזוי איז עס נאטורליך אז זיי האבן אנגעהויבן אדאפטירן זיינע תנועות און זיי זענען געווארן ווי שלענג אין זייער אויפפירונג. יוסיפון שרייבט דאס. ער זאגט אז מענטשן האבן געשעצט זייערע אפגעטער און זיי האבן קונה געווען כאראקטער שטריכן פון אט די חיות.

## ווערן שלימות׳דיג און גרויס

אבער דאס אידישע פאלק, שרייבט יוסיפון, זיי האבן (להבדיל) א

שלימות'דיגער באשעפער, א באשעפער מיט אלע אויסנאמליכע קוואליטעטן, די מערסטע שלימות'דיג פון קוואליטעטן, און ווייל זיי מאכן נאך דעם איינציגן אמת'ן באשעפער, דאס איז פארוואס זיי האבן קונה געווען אויסערגעוועגליכע קוואליטעטן פון כאראקטער.

יוסיפון האט דאס געזאגט. ס'איז א מערקווירדיגע זאך פאר א פאליטיקאנט אזוי צו זאגן. אבער ער האט עס געזאגט ווייל ער זאגט דאס וואס איז געווען גוט באוואוסט און באקאנט צווישן די אידן. דאס איז געווען דער גייסט צווישן די אידן. ליידער, אסאך אידן היינט האבן קיינמאל נישט געהערט דערפון, אפילו פרומע אידן. ס'איז א פליכט פאר יעדן איד אדורכצולערנען די וועגן פון באשעפער.

און דאס איז געווארן אונזער גייסט, א נאציאנאלער גייסט, אין דעם טאג ווען אונזערע אור-עלטערן זענען געשטאנען ביים יום סוף און זיי האבן אינאיינעם געזאגט, "**זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ!** מיר זענען אזוי אנגעפילט מיט הכרת הטוב צו דיר, באשעפער, אז מיר נעמען אויף זיך אויף אייביג צו מאכן דיין נאמען פארהערליכט און געגרויסט."

## זיך פירן מיט דעם באשעפער'ס מידות

אלזא, ווען מיר ווילן גרויסן דעם באשעפער, זענען דא פארשידענע זאכן וואס מיר קענען טון - מען קען אים גרויסן דורך באשיינען זיינע מצוות; מען קען זינגען זיין לויב וואו אימער מען גייט; דאס איז אלעס וואונדערבאר, זייער גוט - אבער דער בעסטער וועג צו גרויסן דעם באשעפער איז דורך פראבירן נאכצומאכן זיינע מידות. **אֲנִי וְהוּא!** איך וויל אויסזען ווי ער! דאס איז ווערד מער ווי אלע רייד אין דער וועלט.

דו ווילסט דערהייבן דעם באשעפער! דו ווילסט אים גרויסן? לערן איבער זיינע מידות ווי עס ווערט געשילדערט אין די תורה און מאך זיי נאך. דאס איז די שבועה פון אונזערע אור-עלטערן פון **אֲנִי וְהוּא** - איך און ער. **הֱוֵי דוֹמֶה לוֹ** - דו זאלסט זיין גלייך צו אים. שטרעב צו אויסזען ווי דער באשעפער! אויב דו ווילסט באמת גרויסן דעם באשעפער, דאן וועסטו עס ארויסווייזן דורך נאכמאכן זיינע וועגן און זיי פראקטיצירן אין דיין אייגענעם לעבן.

# חלק ג. ארבעטן אויף די מידות

## שטייגן אין עבודת ה'

אצינד הייבן מיר אן צו פארשטיין ווי וויכטיג, ווי דרינגענד, איז דער פליכט פון אויספארעמען אונזער מהות דורך נאכמאכן די שלימות'דיגע וועגן פון באשעפער. ס'איז נישט נאר דער וועג צו מצליח זיין אויף דער וועלט, דער וועג צו זיין פרייליך און זיך אדורכקומען מיט אנדערע. אפילו אן איירישער גוי זאל פראבירן צו טוישן זיין כאראקטער, אויב ער וויל לעבן ערפאלגרייך, אויב ער וויל בלייבן פארהייראט און אנהאלטן זיין ארבעטס פאסטן, אויב ער וויל זיך אדורכקומען מיט זיינע שכנים, וועט ער דאס טון.

אבער מיר רעדן נישט יעצט פון דעם. ס'איז פיל מער ווי דאס. פאר אונז, דאס אויסארבעטן אונזער כאראקטער מיינט אז מיר ערפילן אונזער נדר וואס דאס אידישע פאלק האט געמאכט צום באשעפער אין דעם טאג וואס ער האט אונז געראטעוועט פון פארניכטונג. און דאס איז פארוואס די נושא פון אויסארבעטן די מידות איז ביי אידן איינע פון די עיקר ענינים אין עבודת ה'. דאס איז ווייל מ'ווערט אן עפעס, א מעין פון די מידות פון באשעפער.

## פסוקי דזמרה ביי פרישטאג

אט איז א מענטש וואס איז פול מיט לויב צום באשעפער. ער קומט אין שול און ער האלט אן זיין גארטל און ער זאגט "**אָז יָשִׁיר**" בקול רם, הויך. ער שאקלט זיך און ער לויבט דעם באשעפער, "**זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ**". ער זאגט עס דערצו מיט א ספעציעלער ניגון. אאאאההה! ס'איז הערליך!

און דאס איז ווי אזוי עס דארף צו זיין! עס שטייט נישט, "**אָז שָׁר מֹשֶׁה.** חז"ל זאגן: **שָׁר לֹא נֶאֱמַר** - עס שטייט נישט, זיי האבן געזונגען, **אֶלָּא יָשִׁיר** - נאר אז זיי גייען זינגען. וואס מיינט, אויף אייביג און אייביג. ער האט אונז געראטעוועט אין יענעם טאג פון פארניכטונג. דאס איז געווען א געוואלדיגע איבערלעבעניש אויף וואס מיר וועלן קיינמאל נישט אויפהערן צו זינגען. **זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ** - מיר זאגן צו אז מיר וועלן זינגען דיין לויב אויף אייביג.

אבער וואס פאסירט נאכ'ן דאווענען? דער מענטש קומט אהיים און ער איז פרוסטרירט. "וואו איז מיין פרישטאג?!" ער איז אומגעדולדיג, ער איז אויפגערעגט.

אאאה! דער מענטש לויבט נישט באמת דעם באשעפער. אודאי לויבט ער, אבער ער טראכט נישט אריין אין וואס ער זאגט - ער שטעלט נאר אן אזא פנים ווען ער איז אין שול.

דו ווייסט ווען דו לויבסט דעם באשעפער? ווען דו קומסט אהיים און דו מאכסט אים נאך. דאס איז דאך סיווי וואס דו זאגסט אין שול - "דאס איז מיין **קֵל** און איך וועל אים גרויס מאכן דורך נאכמאכן זיינע וועגן."

## מאך דעם קאמפלימענט ווירקליך

דערפאר, אויפ'ן וועג אהיים פון שול, טראכסטו, "וואס ווייס איך פון באשעפער? גוט, איך ווייס אז ער איז אן **אֶרֶךְ אַפַּיִם**." יעדער געדענקט דאס. טייל מענטשן זאגן עס אין תחנון. **אֶרֶךְ אַפַּיִם** - ער איז לאנג געדולדיג. געדולד, דאס איז א געוואלדיגע מידה פון באשעפער. אויב ער וואלט נישט געווען געדולדיג מיט אונז, וואלטן מיר שוין נישט דא געווען. ער געבט אונז אלעמאל נאך א געלעגנהייט, און נאך א געלעגנהייט און נאך א געלעגנהייט. ער איז אן **אֶרֶךְ אַפַּיִם!** און דאס מיינט אז איך דארף אויך זיין אן **אֶרֶךְ אַפַּיִם!**

איך בין זיכער אז איר האט נישט געטראכט אויף אזוי ווייט -זאלט איר יעצט אנהייבן טראכטן דערפון. דאס איז וואס מיר האבן צוגעזאגט ביי קריעת ים סוף - "איך וועל זיין ווי אים, איך וועל אים נאכמאכן." און ס'איז נישט גענוג בלויז צו זאגן, "**זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ**," איך האב באשלאסן צו זיין ווי דעם באשעפער. איך וועל אונטערשרייבן דעם קאנטראקט, די אונטערנעמונג. ניין. אויב שרייבסטו אונטער א קאנטראקט אבער דו קענסט זיך נישט צושטעלן דערצו, דאן איז עס נישט קיין גוטער אונטערשריפט. צו אונטערשרייבן א קאנטראקט מיינט, אז דו דארפסט אפמאכן ביי זיך אז דו וועסט ארבעטן אויף דיינע מידות.

אזוי קומסטו אריין אין הויז און דו טראכסט, 'פונקט ווי דער באשעפער איז געדולדיג, **אֶרֶךְ אַפַּיִם**, וועל איך זיין געדולדיג.' אה! דאס איז **וְאַנְוֵהוּ** - איך לויב אים; דאס איז די לויב פון באשעפער. בלויז צו זאגן לויב, איז נישטיג - דאס זענען ווערטער וואס פליסן ארויס פון דיין מויל וואס מיינען גארנישט. אבער נאכצוטון דעם באשעפער, דאס איז אמת'ע לויב, דאס איז אן אויפריכטיגער קאמפלימענט - ס'איז ווערד אלע ווערטער פון דער וועלט.

## אינדערהיים און אין געשעפט

איז ווען איר האט חתונה און אייער ווייב איז נערווירנד; לאמיר זאגן זי רעדט אסאך - וועט איר זיין געדולדיג. א ווייב דארף אויך זיין געדולדיג מיט איר מאן. צומאל איז ער ווילד. וועט איר קוקן אויף אים און טראכטן, 'אֲנִי וְהוּא - איך וועל זיך פירן ווי דעם באשעפער. איך וועל האלטן מיין מויל פארמאכט און זיין געדולדיג.' איר זענט געדולדיג מיט יעדן אינדערהיים; די קינדער, די שכנים.

אויב זענט איר א רבי פון תלמידים און איין תלמיד איז חוצפה'דיג און איר האט א יצר הרע, איר ווילט אים ארויסווארפן; ניין, זייט געדולדיג. אויב האנדלט איר מיט קליענטן, וועט איר זיין געדולדיג. אט איז א גראסערי מאן און א קינד ברענגט צוריק אן אפענע סארדינס, "מיין מאמע האט נישט געמיינט די סארט סארדינס. זי האט געוואלט האבן אן אנדער סארט."

קען זיין אז עס קאכט אין אים. וואס וועט ער טון מיט די אפענע סארדינס? ס'קען גיין אין מיסט. אבער דער גראסערי מאן האלט זיך איין און ער נעמט עס צוריק. למעשה, קען זיין אז ער טוט עס ווייל ער ווייסט אז קליענטן זענען צו ווערדפול זיך צו ווארפן מיט זיי - בעסער איז אוועקצוווארפן סארדינס - דערפאר האלט ער זיך שטיל. אבער ער זאל צולייגן נאך א מחשבה - פיל וויכטיגער ווי קליענטן, איז די שבועה וואס ער פראבירט איינצוהאלטן.

## לערנען די וועגן פון באשעפער

למעשה, צו קענען איינהאלטן די שבועה, דארף מען צוערשט לערנען איבער די וועגן פון באשעפער און דאס איז אן עבודה. מען דארף עס לערנען. אן צו לערנען וועט מען עס נישט וויסן.

איינער פון אונזערע וויכטיגסטע פליכטן אין לעבן איז, אז מיר דארפן א גאנצע צייט קוקן מיט אונזערע אויגן צום באשעפער צו זען וואס מיר דארפן נאכמאכן. למעשה, מען דארף וויסן וואו צו קוקן. ווי אזוי קוקט מען? אויב מ'זיצט אויפ'ן גאס און מ'קוקט צום הימל, וועט מען גארנישט זען.

אויב קוקט מען נישט אין די תורה, דאן ווייסט מען נישט. נאר די מענטשן וואס זענען באקאנט מיט די דרכים פון באשעפער ווי אזוי ס'איז אנטפלעקט אין תנ"ך, אין די ספרים, די דאזיגע מענטשן ווערן אדורכגעדרונגען מיט די השקפות. איר וועט קוקן אין די תורה און איר וועט לערנען אלע וועגן פון באשעפער. איר דארפט אבער צולייגן קאפ דערצו פאר דעם צוועק. אנדערש, וועט איר עס קיינמאל נישט זען.

## אריינטראכטן אינעם לערנען

אט איז א בחור וואס לערנט בבא קמא און ער לערנט אלעס ארום די דינים פון נזיקין. ער האט א גוטן קאפ. ער זיצט, לערנענדיג פון א גמרא פרק מרובה איבער די דינים פון גנב'נען, די הלכות פון א גנב וואס דארף צוריקצאלן כפל.

אבער אז איר געבט א קוק אויף זיין גמרא, די גמרא פון וועלכן ער לערנט, פון וואו קומט עס? ער האט עס גע'גנב'ט פון שול. ער לערנט איבער גניבה אבער די גמרא איז א גע'גנב'טע גמרא.

און אמת'ע מעשה, דרך אגב. ער האט עס גע'גנב'ט פון מיין שול. איך האב אים געזאגט, "דו לערנסט פרק מרובה אבער די גמרא קומט פון מיין שול. ווער האט דיר געגעבן רשות עס צו נעמען? דו ביסט שוין חייב כפל פאר'ן גנב'נען. און אפילו אויב דו טראגסט צוריק די גמרא, על פי דין דארפסטו באצאלן צוויי גמרות אויב עס זענען דא עדות קעגן דיר.

זעט איר, אז ס'איז מעגליך פאר מענטשן צו קוקן מיט זייערע אויגן אינעם ספר און נישט זען גארנישט.

## דער פליכט פון א איד

און דערפאר, ווען איר קוקט אריין אין חומש, דארפט איר קוקן מיט א ציל, מיט כוונה. מיר דארפן עס מאכן אלס אן אונטערנעמונג צו ליינען די תורה און די גמרא. די גמרא איז פול דערמיט, מיט די דרכי ה'. אבער ווען מען האט נישט קיין אינטערעס דערין, וועט מען עס נישט זען. איר וועט אלעס אנדערש זען אויסער דאס. איר וועט זען די דינים פון כפל, די הלכה פון ד' וה' און איר וועט לערנען תוספות, איר וועט אויך לערנען מפרשים, און צומאל וועט איר אליין זאגן א גוטן פשט'ל, אבער איר פארפאסט די עיקר נקודה ווייל איר זוכט נישט צו לערנען די דרכי ה'.

נאר אויב איר זוכט צו זען די וועגן פון באשעפער כדי זיי נאכצומאכן, דאס איז ווי אזוי איר וועט עס געפינען. אויב איר הייבט אן קוקן, וועט איר טרעפן אז די תורה איז פול מיט די וועגן פון באשעפער, נאכאנאנד.

און איינמאל איר הייבט אן צו זען זיינע וועגן דארפט איר אויסארבעטן א פלאן; 'ווי אזוי וועל איך עס אריינלייגן אין מעשים?' איר קענט מעגליך דארפן טרעפן מורי דרך. עס זענען דא עצות. עס זענען דא טאקטיקן. עס זענען דא מהלכים. עס זענען דא אופנים ווי אזוי עס צו מאכן לייכטער. עס זענען פאראן פיל ספרים; תומר דבורה, חשבון הנפש, אורחות צדיקים. זייער פיל. אבער סיי וואס עס זאל זיין, דארפט איר אנהייבן א גאנג פון ארבעטן אויף די מידות און טראנספארמירן אייער כאראקטער. דאס איז די געוואלדיגע עבודה וואס א איד דארף טון.

## אינוועסטירן פינף מינוט

איך געדענק אין סלאבאדקע ישיבה האבן מיר געלערנט די ספרים. אין די מירער ישיבה אין אייראפע, האבן פיל געלערנט די ספרים. יעדן טאג האט מען אוועקגעגעבן א האלבע שעה פאר מוסר. די מוסר ספרים זענען אראפגעשטעלט געווארן אויפ'ן טיש און יעדער תלמיד האט אויסגעוועלט איינע לויט זיין אינטערעסע. און דורות אויף דורות פון יונגע בעלי השגה האבן געלערנט די ספרים און אין א געוויסן זין האבן זיי פארדינט; טייל מער און טייל ווייניגער. ס'איז נישט קיין שאלה אז יעדער וואלט פארדינט אויב דאס וואלט אריינגעברענגט געווארן היינט צוטאגס אינעם סדר הלימודים אין ישיבות און שולעס. נישטא קיין שאלה אין דעם.

אבער מיר קענען נישט ווארטן אויף דעם; יעדער האט זיין איינע לעבן צו פראבירן און ווערן וואס אונזער שבועה פארלאנגט אז מיר זאלן ווערן. ס'נעמט אביסל צייט, אביסל פראקטיצירונג און אנשטרענגונג, אבער דאס איז אריינגערעכנט אין וואס מיר האבן זיך אונטערגענומען אויסצופירן. פינף מינוט א טאג קענט איר דען נישט אינוועסטירן אין מקיים זיין די שבועה וואס מיר האבן גענומען אויף זיך אין דעם גרויסן טאג פון אויסלייזונג?

איר זאלט וויסן אז עס זענען געווען קלוגע לייט אפילו צווישן די גוים וואס האבן געגעבן פאר די דאזיגע עבודה פיל מער ווי פינף מינוט. עס איז געווען א געוויסער קלוגער מענטש, א גוי, וואס יעדע שבת ביינאכט האט ער געזאגט פאר זיין פאמיליע אז ער גייט אריין אין א צימער פאר זיך; "ביטע שטערט מיר נישט," האט ער געזאגט. יעדע שבת ביינאכט האט ער אוועקגעגעבן צייט צו באטראכטן זיין לעבן. אן אמת'ע מעשה פון די לעצטערע תקופה.

## איינגעטיילט לויט'ן לוח

איך וועל אייך דערציילן עפעס אנדערש. אן אנדערער גוי וואס איר קענט זיין נאמען, בענזשעמין פרענקלין, האט פארברענגט אסאך צייט צו טראכטן איבער זיך; ער האט אויסגעשטעלט א לוח וואו ער האט אריינגעשריבן געוויסע כאראקטער שטריכן אויף וואס ער וויל ארבעטן; גדולד, באשיידנקייט, היטן די שפראך.

למעשה, בענזשעמין פרענקלין האט נישט פראבירט נאכצוטון דעם באשעפער; ער האט נישט געטראכט פון דעם. נאר ער האט געוואלט לעבן ערפאלגרייך. און אזוי האט ער אידענטיפיצירט דרייצן גוטע כאראקטער שטריכן און ער האט געארבעט אויף איינע יעדע וואך. און ער האט געהאט אן אויסגעארבעטער לוח לויט'ן יאר און פיר מאל א יאר האט ער עס איבערגע'חזר'ט. ווען ער האט געענדיגט די יאר האט ער אנגעהויבן פונדאסניי צו איבער'חזר'ן אלע דרייצן כאראקטער שטריכן פיר מאל. עס זענען געווען דרייצן כאראקטערס, דורכאויס דרייצן וואכן, וואס ער האט איבערגע'חזר'ט פיר מאל יעדע יאר; אריינטראכטענדיג דערין און פראבירענדיג זיך צו טרענירן לויט די כאראקטערס. אזוי זעט איר אז עס זענען געווען פארשטענדליכע מענטשן, גוים, וואס האבן געארבעט אויף זיך און זיי האבן עררייכט א שליטה איבער זיך; זיי האבן עררייכט א פארשטאנד איבער זיך.

אבער דער תורה'דיגער איד שטייט אויס צו קונה זיין פיל מער ווי בענזשעמין פרענקלין, אויב ער לייגט אוועק צייט פאר אזא פראיעקט. א איד וואס גייט נאך אזא וועג אין לעבן, וועט שטייגן אן א שיעור מאל גרעסער ווי אפילו דער בעסטער גוי ווייל ער טוט זיך נישט בלויז אנגרייטן צו לעבן ערליך אויף דער וועלט, זיך צו קענען אדורכקומען מיט אנדערע; ער טוט ענדלאז מער ווי דאס.

## מקיים זיין די שבועה

ער איז מקיים די געוואלדיגע שבועה וואס אונזערע אור-עלטערן האבן געמאכט ביי קריעת ים סוף, פון **זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ**, דאס איז מיין באשעפער און איך וועל אים גרויסן. איך וועל אים פארהערליכן. ס'איז זייער א וויכטיגע שבועה און דאס אידישע פאלק דורכאויס איר היסטאריע פראבירט עס צו מקיים זיין. "מיר לעבן בלויז צוליב דיר, באשעפער, און מיר זאגן צו אז מיר וועלן פארברענגען אונזערע טעג דיר צו גרויס מאכן אויף דער וועלט."

מיר זינגען דיין לויב א גאנצע צייט! **הוֹדוּ לַה' קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו**. מיר פראבירן צו פארשפרייטן דעם באשעפער'ס נאמען צו יעדן. מיר לערנען פאר אונזערע קליינע קינדער וועגן דעם באשעפער. קינדער דארפן וויסן אז דער באשעפער געבט זיי ברויט. ער געבט זיי אייזקרעם. ער געבט זיי קענדיס. "דער באשעפער האט דיר געגעבן די קענדי," זאגן מיר פאר אונזערע קינדער. מיר דארפן עס זאגן אויך פאר זיך אליין! "מאך א ברכה, דאנק דעם באשעפער נאכאנאנד." איר דארפט זיך עס דערמאנען און אויך פאר אייערע קינדער; **בָּרוּךְ אַתָּה ה'**. נאכאנאנד דארפט איר זיך דערמאנען פון באשעפער.

**הִתְנָאֶה לְפָנָיו בְּמִצְוֹת**, מיר וועלן באשיינען וויפיל מיר קענען אלעס וואס איז פארבונדן צום באשעפער. אבער די וויכטיגסטע פון אלעם; מיר טארן קיינמאל נישט פארזען דאס וואס דער אמורא אבא שאול האט אונז געלערנט. מיר האבן געשוואוירן אין דעם טאג, "**אֲנִי וָהוּא**! מיר גייען זיין ווי דו!" דאס איז דער גרעסטער לויב צום באשעפער, אז מיר ווילן זיין אזוי ווי ער איז.

## **שאלות ותשובות** - מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאלה:

**עס שטייט, כל המענג את השבת, נותנים לו נחלה בלי מְצָרִים, אז איינער וואס מאכט שבת א טאג פון תענוג וועט באלוינט ווערן מיט שכר אן קיין גרעניצן. גייט דאס ארויף אויך אויף א מענטש וואס טוט מצוות ענשים מלומדה, בלויז פון געוואוינהייט אן צו טראכטן?**

### תשובה:

אויב א מענטש מאכט אז דער שבת זאל זיין מיט הנאה - צום ביישפיל ער עסט די טשאלענט און עס איז געשמאק; ער האט הנאה פון די געבראטענע קארטאפל, עס האט א גוטער טעם - לאמיר זאגן ער טראכט גארנישט אויסער פון די קארטאפל; זאלט איר וויסן אז עס איז דא א שכר אויף דעם. נישט קיין שאלה. ווייל באלד ווי א מענטש נעמט אריין אין זיין קאפ דעם מושג אז שבת איז א צייט פון הנאה, דאס אליין איז א דערגרייכונג. שבת איז געשמאק! דאס איז א דערגרייכונג.

פונדעסטוועגן, אויב ווילט איר קונה זיין פיל מער, דאן ווען איר עסט די קארטאפל, טראכט, "ברוך ה' אז דער באשעפער האט באשאפן קארטאפל!" אמאליגע צייטן אין אייראפע האבן מיר נישט געהאט קיין קארטאפל. ווען קעפטעין זשאן שמידט איז געקומען פון אמעריקע האט ער געברענגט קארטאפל קיין אייראפע. מענטשן זענען געווען פארגאפט. א גאנצער בייגל איז ארויסגעקומען פון די ערד. קארטאפל איז קראכמאל. ס'איז אזוי ווי א בילקעלע. דארט דארף מען צעמאלן די ווייץ און מאכן דערפון מעל, עס איינקנעטן צו א טייג און עס באקן; אבער דא קומט א גאנצע בייגל ארויס פון די ערד. און אזוי האט זיך עס אנגעהויבן פארשפרייטן. און געוויסע פעלקער לעבן בלויז אויף קארטאפל. די איירישע מענטשן לעבן בלויז אויף קארטאפל.

און דערפאר דארפן מיר דאנקען דעם באשעפער פאר דעם חסד פון קארטאפל. און מיר דארפן אים דאנקען פאר דעם חסד פון א גאז רעינזש וואס מאכט די קארטאפל זאל ווערן ברוין. און פאר דעם חסד וואס ער האט אונז געגעבן אזויפיל אנדערע גוטע זאכן צו עסן מיט די קארטאפל. אסאך חסד! און שבת איז א פאסיגע צייט צו טראכטן פון בריאת עולם של חסד.

אלענספאל, אויב א מענטש האט הנאה פון קארטאפל אן צו טראכטן גארנישט, איז עס נאך אלץ ווערדפול. און אויב ער האט הנאה פון די קארטאפל, די טשאלענט, און ער טראכט פון דעם חסד ה' פאר אים געבן די קארטאפל, איז דאס אויך ווערדפול. אבער אויב ער טראכט פון דעם שבת אלס אן אנדענק צו בריאת העולם של חסד, אצינד דערגרייכט ער צום שפיץ פונעם לייטער.

ס'איז נישט שווער. ס'איז לייכט צו טראכטן די געדאנקען. און דערפאר קען דער תענוג פון די מאכלי שבת אונז פירן צו גרויסע מדריגות פון הכרה, פון אנערקענען די וועגן פון באשעפער. ווי עס שטייט, **דרכי השם חסד ואמת** - די וועגן פון באשעפער זענען חסדים. און דערפאר, ווי גרויס איז די חשיבות פון די שבת'דיגע סעודות.

אצינד, עס שטייט ביים דאווענען אז **אברהם יגל** - אברהם איז פרייליך ווען ער זעט זיינע קינדער, זיינע אפשטאמיגע געניסן פון דעם שבת. ווען איר געניסט פון דעם שבת, איר זענט מכבד דעם שבת, איר שעצט דעם שבת, איז עס א געוואלדיגער זכות פאר אונזערע אבות. אברהם האט נחת פון אונז. אודאי וועט איר אים פארשאפן מער נחת אויב וועט איר צולייגן די העכערע מדריגות פון אנערקענען די גדלות ה' און אנערקענען אז די בריאת העולם איז כולו חסד; דאן וועט אודאי זיין אברהם יגל. און ס'איז א נחת אויך פאר יצחק און יעקב ווען זיי זעען ווי זייערע אייניקלעך ניצן אויס דעם שבת אין אזא וועג.

דערפאר זאל דער שבת אויסגענוצט ווערן צו שעצן די הנאות, די גשמיות פונעם שבת, ווייל די גשמיות פון שבת דאס איז אונזער רוחניות. און דאס איז אונזער וועג צו ווייזן אונזער אנערקענונג אויף די דרכי ה', אז דער באשעפער איז **חסיד בכל מעשיו** - ער טוט חסד אין אלעם.